Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 35 גראשען | היינט 16 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 132/16132 | Łódź, Piątek 7 czerwca 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז פרייטאג, כח אייר תרפ"ט | № 132/16132

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71


## פארק העלענאוו

זונטאג, דעם 9-טען יוני ד. י.

2 א זייגער נאכמ. ווערט פארקומען לטובת

„לינת החולים"

# א גרויסע גארטען-פערוויילונג

מיט א גראנדיעזען פראגראם:

צווישען אנדערע:

## טויט-שפרונג פון א טורם איבער'ן פייער און וואסער אריין

— ווי אויך —

## לופט-איבונגען איבער'ן וואסער

אויסגעפיהרט פון פארל מאלארטשיק.

צווישען אנדערע:

מיט זעהר פיל ווערטפולע געווינ ען, ווי: סחורות אויף ענציגער און קאסטיומען, פערפום - באמבאניערקעס א. אז. וו.

יעדעם קינד בעקומט בחנם מתנה ביים אריינגאנג

## פאנטאזיע לאטעריע

2 ארקעסטערס 2 ∴ פייערווערק ∴ קאנפעטי

אייגגאנג פאר דערוואקסענע 1.50 זל., פאר קינדער און שילער 50 גר.

בעמערקונג: פאלס פון אונגינסטיגען וועטער קומט די פערוויילונג פאר זונטאג, דעם 23-טען יוני ד. י.

## פארק העלענאוו

---

# וואוינונגס-קאאפעראטיוו

ביים מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין, אלעע 1 מאי 2

## אכטונג! האנדווערקער פון אלע פאכען!

(אויסער וועבער, מעשען-גיסער און שטרימף-ווערגער)

צוליב דעם, וואס דער וואוינונגס-קאאפעראטיוו האט געקויפט א גרעסערן פלאץ (פאנסקא רוג זאוואדזקא) זענען פריי געבל בען איינינע ערטער אין דער ערשטער גרופע און ס'ווערען איינגעשריבען נייע מיטגלידער. וועגען אלערט אינפארמאציעס דארף מען זיך ווענדען יעדען אווענד (אויסער פרייטאג) פון 8 ביז 10 אין מאגאזין-שניידער-מייסטער-פעראיין, אלעע 1 מאי 2, צום סעקרעטאר.

די פערוואלטונג.

אנאנס! דער וואוינונגס-קאאפעראטיוו זוכט א קוואליפיצירטען בוכהאלטער, וואס זאל זיין בעהאוועגט אין קאאפעראטיווער ארבייט. מעלדען זיך יעדען אווענד פון 8 ביז 10 אין מאגאזין-שניידער-פעראיין, אלעע 1 מאי 2.

---

## יודישער פראפ. מאגאזין-שניידער מייסטער-פעראיין אל. 1 מאי 2

אכטונג מיטגלידער פון אלע פאכען !!!

זונטאג, דעם 9. ה. ח. 6 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל

# א פראטעסט-מיטינג

וועגען די הויכע שטייערן, וואס די כאלופניקעס ווערען בעלאסטעט. ס'וועט אויך בעהאנדעלט ווערען די פראגע: די סיבות פון קריזיס אין אונזערע פאכען און דער לעזונג פון איהם. קומט מאסענווייז! די פערוואלטונג

אכטונג טריקאטאזש כאלופניקעס, מיטגלידער און נישט מיטגלידער! ביז'ן 15 ד. ח. ווערט אנגענומען מיטגלידער. פאך-קאמיסיע פון טריקאטאזש

---

מיט גרויס צער און שמערץ בעווייז איך צוזאמען מיט דער גאנצער משפחה דעם טויט פון מיין טייערער און געליבטער מוהמע

## אסתר רחל גערטעל נ"ע

בת ר' דוד פיינקינד ז"ל

וועלכע איז געשטארבען און צו קבורה געקומען אין לאדז, מיטוואך, י"ט אייר (29 מאי).

זאל גאט די יתומים טרייסטען אין זייער צער און וועהטאג תנצב"ה.

## משה פיינקינד און פאמיליע.

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער געעהרטען פרעזעס ח' **אברהם ווינטרויב** צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זיין אונפערגעסליכער פרוי

## דוואשע נ"ע

המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג און די מתפללים פון דער חברה „גמילת חסדים" קעלמא 15

7764

---

ציוניסט. ארגאניזאציע אין לאדז | קינא-טעאטער „ספלענדיד" נארוטא-ווישא 20

מאנטאג, דעם 10. יוני, פינקטליך 8.30 אווענד, ווערט איינגעארדענט אין קינא-טעאטער „ספלענדיד"

# א פייערליכע אקאדעמיע

מיט דער בעטייליגונג פון

## פראפ. ז. בראדעצקי,

מיטגליד פון דער ציוג. עקזעקוטיווע אין לאנדאן און

## קורט בלומענפעלד,

פרעזידענט פון דער ציוניסט. פעראייניגונג אין דייטשלאנד, וויצע-פארזיצער פון ציוניסטישען עקציאנס-קאמיטעט,

וועלכע וועלען ארויסטרעטען מיט רעדעס אויף ד. ט.:

## „דער 16-טער ציוניסטישער קאנגרעס און די יודישע אגענץ".

בילעטען שוין צו בעקומען אין ציונים. ביורא (צעגעלנ. 4) און אין געשעפט „מ.ח.גורין" (נאוואמ. 15)

---

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען קוזין

העניעך ראבינאוויטש (לאדז)

מיט פרל. רבקה ליפשיץ (לובלין)

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט

נתן נאמבערג און פרוי.

---

מיר פאדערן אויף אלע חברים פון חתונה-מוזיקערס צו קומען מיטוואך, ד. 12 יוני ד. י. פינקטליך 11 פארמ. אין לאקאל וואלטשאנסקא 5 צו

## דער ערשטער ארגאניזאציאנס-

# פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג, 2) דער אינהאלט פון פעראיין, 3) פרייע פארשלאגען.

די גרינדער.

---

# בעקאנטמאכונג.

צוליב דער נישט טאקטישער אויפפיהרונג פון ה' פרעזעס אייזענבערג אין דער קאאפעראטיווער באנק פון שייבלער'ס ראיאן, קילינסקיעגא 120, ענטזאג איך מיך פון אמט אלס קאסירער. איך ווארף אראפ פון מיר יעדע פעראנטווארטליכקייט.

מיט אכטונג

דוד לעווקאוויטש, גלובנא 54.

---

א זעלטענע געלעגענהייט!

## א געוועלב מיט א גרויסע ווישטאווע

אויך א וואוינונג און 2 גרויסע קעלערס זאפארט צו פערמיטען פעטריקאווער 199 רוג קאראלא

צו ערפאהרען ביים ווירט.

---

**Dr. B. KNICHOWIECKI**

**POWRÓCIŁ**

i ordynuje w chorobach dzieci od $3^{1}/_{2}$—5 ppł.

**Sienkiewicza 61,** I piętro fr. tel. 10-20

---

# מעטאל-מייסטער-סעקציע

ביים צענטראלען האנדוו.-פערבאנד, פאלודניאווא 4

אלע מיטגלידער ווערען אויפגעפאדערט צו קומען אויף דער

# פערזאמלונג,

וועלכע קומט פאר זונטאג, דעם 9-טען יוני ד. י., 7 א זייגער אווענד וועגען דרינגענדע פראגען וועגען צעך.

מיט אכטונג די פערוואלטונג.

7803

---

## דער צענטראלער האנדווערקער-פערבאנד

פאלודניאווא 4

ארגאניזירט אין פערשטענדיגונג מיט דער דירעקציע פון דער

## לאנד-אויסשטעלונג

# א גרופען-אויספלוג נאך פויזען

אין די טעג פון 21, 22 און 23 יוני.

מיטגלידער און פאמיליען-אנגעהעריגע קענען זיך רעגיסטרירען טעגליך פון 6–9 אווענד ביז דעם 15-טען דעם חודש.

בעמערקונג: די גרופע געניסט פון פערשידענע הנחות.

---

# צו אלע מילך-הענדלער פון גאנץ לאדז!

אזוי ווי אייך איז גוט בעקאנט, אז די געפאהר פון מילך-האנדעל איז זעהר בעדראהט און עס האלט שוין ביים אונטערגעהן, דעריבער בעטען מיר יעדען איינציגען מילך-הענדלער אונבעדינגט צו קומען אין זיינע אייגענע אינטערעסען אין אונזער פעראיין, פולנאצנא 31, זונטאג, דעם 9-טען יוני ד. י. 7 א זייגער אווענד, אין נעגענפאל נעהמען מיר אראפ פון זיך די פעראנטווארטליכקייט.

בעמערקונג: פאר מיטגלידער און נישט-מיטגלידער איז דער איינגאנג פריי.

מיט אכטונג

## די פערוואלטונג.

